בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת כי תשא תש"פ | פרשת פרה | גליון 544 [שנה י"ב]

**די שקלים האבן געהאט צוויי פעולות און כפרות**

וְנָתְנוּ אִישׁ כֹּפֶר נַפְשׁוֹ לַה׳ בִּפְקֹד אֹתָם וְלֹא יִהְיֶה בָהֶם נֶגֶף בִּפְקֹד אֹתָם. (ל יב) שטייט אין מדרש "ונתנו איש כופר נפשו בימי משה ולא יהיה בהם נגף בימי דוד" א מדרש פליאה! נאר די גמ׳ (יומא דף כב:) ברענגט: רבי יצחק זאגט אסור למנות את ישראל אפילו לדבר מצוה דכתיב ויפקדם בְּבֶזֶק, מען טאר נישט ציילן די אידן, און ער ברענגט א ראי׳ פון שמואל וואס האט געציילט די אידן מיט א בֶּזֶק, מיינט צובראכענע חרס, און נישט געציילט יעדן קאפ. פרעגט דער הייליגער מהרש"א: פארוואס ברענגט נישט ר׳ יצחק א ראי׳ פון אונזער פסוק אז מען האט געציילט די אידן מיט א מחצית השקל און נישט געציילט די קעפ, און נאך שטארקער: ווייל דער פסוק פירט אויס ולא יהיה בהם נגף דעריבער זאל מען נוצן א מחצית השקל כדי עס זאל נישט שאטן א עין הרע? ענטפערט דער מהרש"א אז דא האט מען גענומען די מחצית השקל פאר א כפרה אויפן עגל אזוי ווי עס שטייט לכפר על נפשותיכם, און דאס וועט זיי שיצן אז ולא יהיה נגף. משא"כ ביי בֶּזֶק איז נישט געווען קיין ענין פון א כפרה, איז פון דארטן די ראי׳ אז מען דארף ציילן מיט עפעס און נישט ציילן די קעפ ע"כ. יעצט די גמ׳ (ברכות דף סב:) שרייבט: כֶּסֶף כִּפּוּרִים רָאָה, שֶׁנֶּאֱמַר: "וְלָקַחְתָּ אֶת כֶּסֶף הַכִּפֻּרִים מֵאֵת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", זאגט רש"י דארטן, אז די שקלים פון ימי משה האט געראטעוועט די אידן שפעטער בימי דוד. קומט אויס אז די שקלים פון פ׳ כי תשא האבן געהאט צוויי פעולות, איינס א כפרה אויפן עגל, און איינס א הצלה אז עס זאל נישט זיין א מגיפה בימי דוד, איז הפלא דער מדרש: ונתנו איש כפר בימי משה פארן עגל, ולא יהיה נגף, די שקלים האט געראטעוועט פון א נגף בימי דוד. (עטרת שלמה ר׳ לוי בן שלמה בע"מ בית לוי על ש"ס זאלקווא תצ"ט)

**בשמים באלאנגט צו משה**

וְאַתָּה קַח לְךָ בְּשָׂמִים רֹאשׁ: (ל כג) אין חז"ל טרעפט מען די דרשה אז "לְךָ" מיינט מִשֶּׁלְּךָ, פון דיינע געלט, אזוי ווי עס שטייט (ויקרא ט ב) קַח לְךָ עֵגֶל בֶּן בָּקָר לְחַטָּאת און אין גמ׳ (יומא דף ג) איז די דרשה: מִשֶּׁלְּךָ יִהְיֶה, אבער דא קען מען דאס נישט טייטשן, ווייל די בשמים לשמן המשחה האבן כלל ישראל געברענגט צו עבודת המשכן, נאר אזוי ווי ביי פרה אדומה שטייט ויקחו "אליך" זאגט רש"י פון מדרש, אז דאס מיינט "לעולם היא נקראת על שמך פרה שעשה משה במדבר", דאס זעלבע דארף מען דא אויך זאגן קח לך אז "לעולם נקרא על שמך שמן שעשה משה במדבר" און אזוי שטייט אין גמ׳ (הוריות דף י"א ע"ב) שמן המשחה שעשה משה במדבר כמה נסים נעשה בו עיי"ש, זעט מען אז די שמן איז גערופן אויפן נאמען פון משה, און די גמ׳ זאגט דארטן אז די שמן המשחה איז קיים לעתיד לבא. (עטרת צבי, הר׳ משולם פייש גראס מנירבאטור)

**צוויי וועגן ווי אזוי צו האבן א כפרה**

נֹשֵׂא עָוֹן וָפֶשַׁע וְחַטָּאָה וְנַקֵּה: (לד ז) מען קען זאגן אז דער פסוק איז מרמז נֹשֵׂא: די וועגן ווי דער אויבערשטער איז מוחל עבירות, איין וועג איז: עָוֹן איז די אותיות עָנָו "וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָו מְאֹד" (במדבר יב ג), וואס א עניו איז מעביר על מדותיו, און די גמ׳ (יומא כג ר"ה י"ז און מגילה כ"ח) זאגט כל המעביר על מדותיו מעבירין לו כל פשעיו. די צווייטע עצה איז: וּפֶשַׁע בגימט׳ ת"ן, צו געבן צדקה אזוי ווי עס שטייט (דניאל ד כד) וַחֲטָאָךְ בְּצִדְקָה פְרֻק, און מיט כפרת עוונות וועט זיין וְחַטָּאָה, חט"א איז גימט׳ ח"י, וחי בהם, און אויך ולא אחפוץ במות המת, און דורך די זאכן, וְנַקֵּה וועט מען ווערן ריין. (אוצר חיים הר׳ ישועה הלוי אב"ד פרטוגאל תרס"ח)

**שלשים יום קודם החג**

**פארוואס ברענגט ראב"ע א ראי׳ פון בן זומא וואס איז א יחיד**

אָמַר אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה הֲרֵי אֲנִי כְּבֶן שִׁבְעִים שָׁנָה וְלֹא זָכִיתִי שֶׁתֵּאָמֵר יְצִיאַת מִצְרַיִם בַּלֵּילוֹת עַד שֶׁדְּרָשָׁהּ בֶּן זוֹמָא שֶׁנֶּאֱמַר לְמַעַן תִּזְכֹּר אֶת יוֹם צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ (דברים טז ג): "יְמֵי חַיֶּיךָ" הַיָּמִים, "כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ" הַלֵּילוֹת. וַחֲכָמִים אוֹמְרִים: "יְמֵי חַיֶּיךָ" הָעוֹלָם הַזֶּה, "כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ" לְהָבִיא לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ. פרעגן אלע: מיט וואס איז ראב"ע בארוהיגט אז בֶּן זוֹמָא דרשענט "כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ" הַלֵּילוֹת אז מען דארף מזכיר זיין יציאת מצרים בלילות, בשעת די חכמים קריגן זיך אויף בן זומא און יחיד ורבים איז הלכה כרבים, ממילא איז מען לכאורה נישט מחוייב צו מזכיר זיין יציאת מצרים בלילות? נאר מען קען ענטפערן אז די גמ׳ (ברכות דף ט) זאגט הכל מודים אז די גאולה פון מצרים האט זיך אנגעפאנגען ביינאכט, אתחלתא דגאולה, און די יציאת מצרים איז געווען נאר בייטאג, קען מען זאגן אז די טעם פארוואס די חכמים האלטן נישט די דרשה פון בן זומא איז ווייל הכל הולך אחר החיתום, מען קוקט ווען איז מען במציאות ארויס פון מצרים, און דאס איז געווען נאר בייטאג, אבער ראב"ע האט א ראי׳ פון די חכמים אויך, אז מזכירין יציאת מצרים בלילות, און מען גייט אויך נאך די התחלת הגאולה, ווייל די חכמים זאגן "כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ" לְהָבִיא לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ, אז דעמאלטס וועט מען אויך מזכיר זיין יציאת מצרים, איז די שאלה פארוואס וועט מען דארפן דערמאנען דעמאלטס יציאת מצרים? נאר די מהר"ל זאגט ביי עבדים היינו, אז יציאת מצרים איז דער מקור פאר די אלע שפעטערדיגע גאולות, און יציאת מצרים איז די אתחלתא דגאולה, זעהט מען פון די חכמים אז מען גייט אויך בתר אתחלתא דגאולה, וואס דאס איז געווען ביינאכט, ממילא זעהט מען לויט די חכמים, אז זיי זענען אויך מודה, אז מזכירין יציאת מצרים בלילות. ממילא איז ראב"ע בארוהיגט אז נאכן דרשה פון בֶּן זוֹמָא זעהט מען אז די חכמים האלטן אויך ווי ער. (הגדה ערבי פסחים להגאון ר׳ עמרם בלום דער בית שערים)

**מדור העובדות**

****** אין זכות פון געבן צו עסן פאר א גוי האט דער חסיד זיך געראטעוועט זיין געלט און לעבן ******

הרה"ק ר׳ מרדכי מקוזמיר זצוק"ל איז געווען דער זון פון הייליגן טריסקער מגיד הרה"ק ר׳ אברהם דער מגן אברהם זצוק"ל בן המגיד מטשערנאבל, און איידים פון הרה"ק ר׳ אשר מסטאלין זצוק"ל בן הרה"ק ר׳ אהרן מקארלין זצוק"ל בעל הבית אהרן. ער איז געווען א פועל ישועות און געוויזן אז ער האט אפענע אויגן. פסח שנת תרע"ד האט דער רבי געזאגט ביים בענטשן "הרחמן הוא יחדש עלינו שנה טובה" און ווען מען האט אים געפרעגט אז דאס זאגט מען נאר אין ר"ה! האט דער רבי געענטפערט אז ניסן איז אויך ר"ה און יידער

דארף די וועלט גרויס רחמים דעם יאר, און טאקע ערב ת"ב תרע"ד האט זיך אויסגעבראכן די ערשטע וועלט מלחמה. נאך פאר די מלחמה האט זיך אויסגעבראכן, ווען די חסידים האבן געקומען פרעגן וועגן פארן פאר זייער מסחר, האט דער רבי פארבאטן צו מאכן נייע געשעפטן און אויך פון פארן ווייט אוועק פון שטוב, און קיינער האט נישט פארשטאנען פשט אין דעם רבין'ס ווערטער אבער שפעטער האט מען געזען די רוח הקודש פון רבין!

דער רבי האט געמוזט אוועקגיין פון קוזמיר און זיך אפגעהאלטן אין חמעלניק בשעת די מלחמה. איינע פון זיינע חסידים פון שטאט אפטא איז געווען א גרויסער נגיד און א מכניס אורח פאר אידן און גויים גליך, אלע האבן געהאט א גוט ווארט אויפן חסיד. זיין געשעפט איז געווען אז ער פלעגט איינקויפן עטליכע וואגאנען פון עסן אין חמעלניק און דאס אריבער ברענגען און דאס פארקויפן אין אפטא. דעמאלטס איז אפטא געווען אונטער רוסלאנד און כדי צו אריבער פירן עסן פון חמעלניק קיין אפטא האט מען געדארפט פאפירן פון ערלויבעניש פון די רוסישע ארמיי, ווייל מען האט חושש געווען אז מען ברענגט די עסן פארן שונא, און די רוסישע סאלדאטן האבן געפארן אויף די הויפט וועגן און אויב מען האט געטראפן א וואגן וואס ברענגט מיט זיך אסאך עסן און דער בעלים האט נישט געהאט די פאפירן האט מען צוגענומען די סחורה און אויך געקענט איינזעצן פאר דעם.

דער חסיד איז פונקט געווען דעמאלטס אין חמעלניק ווען די מלחמה האט זיך אויסגעבראכן און ער האט געהאט עסן ביי זיך און צו גיין דאס פארקויפן אין אפטא, און ער קומט בעטן דעם רבין א ברכה אז ער זאל אהיימקומען בשלום מיט זיין סחורה, אבער ער פרעגט דעם רבין אז היות אז זענען דא צוויי וועגן צו פארן פון חמעלניק קיין אפטא איינס איז א קורצערע וועג און ער רעכנט אויס די אלע דערפער וואס מען דארף דורך פארן און עס איז דא א לענגערע וועג און רעכענט אויס די אלע דערפער וואס מען דארף דורך פארן.

דער רבי הערט די בקשה פון חסיד און דער רבי גייט צו צום פענסטער און קוקט ארויס א לענגערע צייט, אזוי ווי ער קוקט צו טרעפן עפעס, און דער חסיד איז שוין אום געדולדיג אבער דער רבי איז פארטראכט אין זיין קוקן, און קוקט און קוקט ביז דער רבי ענטפערט דעם חסיד אז ער זאל אהיים פארן בשלום און דוקא נעמען די לענגערע וועג אפילו עס איז א שווערע וועג און דער אויבערשטער וועט דיר העלפן אז דו וועסט אהיים קומען בשלום מיט די גאנצע סחורה, און דער חסיד געזעגנט זיך פון רבין און פארט אהיים. דער חסיד איז א מאמין און טראכט נישט קיין סאך און פארט זייער רוהיג, ער גייט דורך איין דארף און נאך א דארף און עס פארט זיך שטיל אן קיין פראבלעמען. דער חסיד האט געהאפט אז די גאנצע וועג וועט זיין שטיל און אנקומען קיין אפטא, אבער ער איז געווען גאנץ נאנט צו אפטא ווען פלוצלינג האט א גרויסע מחנה פון רוסישע זעלנער אים ארום געריגנלט און ווען מען האט געזען אז ער האט וועגענער מיט עסן מיט זיך, האט מען אים אפגעשטעלט, און געבעטן זיינע פאפירן אז ער מעג פירן עסן, האט ער געזאגט אז ער האט נישט קיין פאפירן! האט מען אים געהייסן בלייבן ווארטן ביז זיי וועלן רופן זייער גענעראל און וואס ער וועט זיי הייסן, וועלן זיי טאן מיט אים.

דער חסיד וואס איז געווען א שטארקער מאמין אין רבין, אבער יעצט איז אים געווארן שלעכט, ווען מען פאלט אריין אין די הענט פון די רוסישע גענעראלן, וואס האבן געקענט חלילה הרגענן א מענטש אויפן פלאץ! דער חסיד נעמט זיך מתפלל זיין און ווארט און ווארט. א פאר שעה שפעטער האט מען אים געהייסן גיין צום צימער פון דער גענעראל וואס דארף אים אויספארשן. דער חסיד קומט אריין און דער גענעראל הייסט אים זיך זיצן און פרעגט אים אויס שאלות ווי ער הייסט און וואו ער וואוינט, און דער חסיד ענטפערט אויף אלעס, און ווען דער גענעראל פרעגט דעם חסיד מיט וואס קען ער זיך פארטיידיגן אז ער ברענגט מיט זיך אזוי פיל עסן, און אויפווייזן אז דאס איז נישט פארן שונא? האט דער חסיד געענטפערט: ער האט א געשעפט אין אפטא וואס ער פארקויפט עסן דארטן, און אויך האט ער א גאסטהויז וואס אסאך מענטשן קומען עסן ביי אים.

אהא! זאגט דער גענעראל. איך האב געזען אז דו ביזט א באקאנטער פנים! אוודאי קען איך דיר, איך האב שוין עטליכע מאל געגעסן ביי דיר אין גאסטהויז און דו האסט מיר זייער שיין אויפגענומען. דער גענעראל האט געזאגט פארן חסיד אז ער וועט פאר אים ערליידיגן פאפירן אז ער זאל קענען ברענגען עסן פון חמעלניק קיין אפטא אבער דערווייל וועל איך שיקן אפאר זעלנער זאלן דיר אהיים באגלייטן! דער איד האט באדאנקט דעם גענעראל, וואס האט געהייסן מען זאל לאזן דעם איד גיין פריי און מען זאל אים באגלייטן אהיים. דער חסיד איז אהיים געקומען בשלום און געגעבן א שבח והודאה פארן אויבערשטן, און האט יעצט פארשטאנען וואס דער רבי האט געקוקט און געזען אז ביים לענגערע וועג וועט זיין די ישועה דורכן גענעראל. דער חסיד האט באקומען די פאפירן און האט געקענט פארן רוהיג און מאכן ווייטער זיינע געשעפטן. מיטן געבן עסן פאר אלעמען האט ער באקומען גוט באצאלט.

תמוז תרע"ז ווען די גזירות פון דער מלחמה האבן זיך געשטארקט און צום רבין איז געקומען בקשות און צרות וואס איז באפאלן זיינע נאנטע חסידים און דער רבי האט נישט געקענט אויסהאלטן די שווערע בשורות און עש"ק ח' תמוז תרע"ד האט ער געגעבן א קרעכץ און אויסגעהויכט זיין הייליגע נשמה און ער ליגט אין קיעלץ. מענטשן וואס פארן אויף זיין קבר באקומען אפענע ישועות, זיינע תורות זענען געדרוקט אין ספר גדולת מרדכי ווארשא תרצ"ח, און אין הסכמה פון רבין פון קיעלץ שטייט וז"ל "לכן הנני אומר לכל אנ"ש **שכל אחד ואחד ישתדל להביא הברכה לתוך ביתו ובטח זכות אבותינו שנזכרים בספר הזה יגן עליכם שתושעו מהא-ל הטוב בכל מילי דמיטב"** עכ"ל זיע"א.


***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- א שיינע מתנה***

א שיינע בריוו פון ראגאטשאבער וועגן זיין אידעם, סעט מחזורים זיטאמיר אשכנז, שו"ת מים חיים געדרוקט אין זיטאמיר, 40 גמרות פון זיטאמיר $5000, מס' עירובין און סנהדרין פון סלאוויטא ר' משה שפירא. מכתב הרה"ק מהוסיאטין, תיקון ליל שבועות דפוס סלאוויטא, מדרש רבה דפוס זיטאמיר, קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, סידור דרך החיים זיטאמיר מצב יפה, תיקוני זוהר דפוס סלאוויטא, בריוו פון דעת סופר און זון וועגן בויען זיין ישיבה אין ירושלים, א שיינע בריוו פון הגאון מטשעבין וועגן זיין חשובע ישיבה, סעט זוהר בינוני דפוס זיטאמיר, שו"ע אורח חיים ג"ח דפוס זיטאמיר מצב מפואר, ספר וואס האט באלאנגט צו הר' אברהם פאם, ספר מיט חתימת הגאון ר' יעקב קמינצקי פרעגט אין טלפון אדער אימייל די אלע פרייזן און אויך וועגן אנדערע ספרים און בריוון,

**4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to - pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

**א רשימה פון אונזער ספרים און בריוו צו באקומען** מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר מחצית השקל און פדיון הבן און פאר פדיון נפש


**דער גליון איז מוקדש לעי"נ מיין פלימעניק הבחור החשוב יוחנן ע"ה בן יחזקאל בנימין רובי נ"י – – י' סיון תשע"ט טוב שם טוב משמן טוב!**